NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13318

# DER YUNGER KENIG

Oscar Wilde

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



אסקאר אוּאײלד.

# דער גליקליכער פרינץ

איבערזעצט פונ'ם ענגלישען דורך

י. ווײנבערג

פרייז 5 קאפ'

ווארשא 1911

הויפט - פערקויף אין פערלאג „פראגרעס"

ווארשא, נאוואליפקי 7 —

אולי גאלדמאן

די פאָלקס-ביבליאָטעק.

№ 2.

אָסקאַר ואַילד.

# דער יונגער קעניג.

איבערזעצט פונ'ם ענגלישן דורך

י. ה.

ווארשא. 1911

Тип. I. Пилецкаго и Л. Шибе, Варшава, Сракозская 4.

אסקאר אײילד.

# דער יונגער קעניג

ב'איז אנגעקומען די לעצטע נאכט פאר דער קרוינונג פון דעם יונגען קעניג. ער איז געבליבען אליין אין זיינע הערליכע אפארטאמענטען. זיינע נאהנטע הויפלייט האבען איהם איבערגעלאזט אליין, נאך דעם ווי זיי האבען זיך פאר איהם גענייגט טיעף ביז צו דער ערד, ווי ס'האט פערלאנגט די עטיקעטע פון יענער צייט, און זענען איבערגעגאנגען אין דעם גרויסען זאל, ווי דער צערעמאניע־מייסטער האט געגעבען די לעצטע אנווייזונגען. טייל פון זיי האבען געהאט סגולות און מאניערען, וועלכע זענען פאר הויפלייט געווען צו נאטירליך. מען ברויכט זיכער נישט צוצוגעבען, אז דאס איז געווען פאר זיי א גרויסער חסרון.

דער יונגער קעניג, — ער איז ווירקליך יונג געוועזען — ער איז ערשט אלט געוועזען זעכצען יאהר, — האט נישט חרטה געהאט, וואס ר'איז געבליבען אליין. ער האט אבגעזופצט מיט א געפיהל פון א ערלייכטונג אויף דעם הארץ און האט זיך אנידערגעלעגט אויף די ווייכע קישען פון זיין הערליך בעט. מיט דעם אונבעוועגליכען בליק, האלב־אפענעם מויל און דער טונקעלער הויט פון דעם פנים איז ער ענהליך געווען צו א שווארצען פאון,

וועלכער בעוואוינט דעם וואַלד, צו אַ יונגע רעה פון די יאגער געפאַנגענער ווילדער חיה.

ער איז אין דער ווירקליכקייט געוואָרען פון יעגער געפונען. זיי האָבען איהם אומגעראכט געטראָפען; באָרוועס, מיט אַ פּייפּעך׳ל אין דער האַנד, איז ער געגאַנגען נאָך דער סטאַדע פון אַנ׳אָרימען הירט, זיין ערציהער, וועלכען ער האָט געהאַלטען פאַר זיין פאָטער.

און געוועזען איז ער דער זוהן פון דעם קעניג׳ס איינציגער טאָכטער, וועלכע האָט זיך בסוד פערבונדען מיט אַ מענש פון נידריגער אָבשטאַמונג. טייל האָבען געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַנ׳אויסלענדער, וועלכער האָט בעצויבערט די פּרינצעסין מיט זיין הימלישען שפּיעל אויף דער האַרפּע; אַנדערע האָבען דערציילט, אַז דאָס איז געוועזען אַ מאַלער, צו וועלכען די פּרינצעסין איז געווען פריינדליך, אפשר אַ ביסעל צו פריינדליך, און וועלכער איז פּלוצלונג פערשוואונדען געוואָרען פון דער שטאָדט און האָט איבערגעלאָזט נישט פאַרטיג, אין דער מיט אַרבייט, די וואַנד-געמעלדען פון דער קירכע. אין אַ וואָך נאָך דעם געבוירען ווערען האָט מען דאָס קינד אַרויסגעחאַפּט דער מוטער אין שלאָף און מ׳האָט עס איבערגעגעבען אויפצוציהען פויערן, וועלכע האָבען קיין קינדער נישט געהאַט; די פויערן האָבען געוואוינט אין דעם וואַלד, אַ טאָג רייזע ווייט פון דער הויפּט-שטאָדט, דאָס עצמות נפש לויט דער מיינונג פון דעם הויף-דאָקטאָר, די עפּידעמיע אָדער, לויט ווי אַנדערע האָבען גע-שמועסט, אַנ׳איטאַליעניש סם, וועלכעס האָט שנעל גע-ווירקט אין אַ גלאָז שטאַרקען וויין, האָבען אָבגעהאַקט דאָס לעבען פון דער בלײַבער קעניגסטאָכטער אַ שעה נאָך איהר ערוואַכען פון שלאָף. אין דער איינענער מינוט, ווען דער געטרייער דינער האָט געבראַכט צופיהרען דאָס

קינד, אראָבגעשפּרונגען פון דעם בייערען פערד און אָנ=
געקלאַפּט אין די טיר פון דעם אָרימען הייזעל פון דעם
הירט, אין דעם איינענעם מאָמענט האָט מען דעם טוי=
טען גוף פון דעם קעניג'ס טאָכטער אראָבגעלאָזט אין דעם
גרוב אַריין, וועלכען מען האָט אַרויסגעגראָבען ווייט פון
די שטאָדט-מויערן, אויף אַן אַלט בית=עולם. און אין
דעם אייגענעם קבר, ווי ס'איז געגאַנגען אַרום אַ קלאַנג,
איז געלעגען דער קערפּער פון דעם אונבעקאַנטען וואונ=
דער=שיינעם יונגלינג; די הענד זענען איהם געווען צוגע=
בונדען אויף דעם רוקען, אויף דעם האַרץ האָט מען
געזעהען אַ סך געשטאָכענע וואונדען...

אזוי האָבען מענשען געפּלוישט. זיכער איז נאָר
איינס: דער אַלטער קעניג צי אין אַ מינוט פון חרטה
פון זיין גרויסען חטא אויפ'ן טויטען כעס, אָדער אפשר
וויל ער האָט געוואָלט אָבגעבען דעם טראָן איינעם פון
זיין זרע, האָט געהייסען רופען דאָס יונגעל און האָט
איהם בעשטימט פאַר זיין יורש אין די אויגען פון אַלע
מיטגליעדער פון דעם מלוכה=ראַט.

דער יונגער פּרינץ האָט זעהר פריה אָנגעהויבען צו
בעווייזען אַ ליעבע צו אַלעם שיינעם, און דאָס האָט גע=
האַט אַ גרויסע ווירקונג אין זיין לעבען. די הויפס=לייט
האָבען אָפט דערמאַנט דעם אויסרוף פון ענטציקען, וועל=
כער האָט זיך אַרויסגעריסען פון דעם יונגלינגס ליפּען,
ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל דערזעהען די הערליכע
קליידער און די רייכע, טייערע ציערונג, — די איבער=
מעכטיגע פרייד, מיט וועלכע ער האָט אַראָבגעוואָרפען
פון זיך דאָס לעדערנע אָנטועכין און דעם מאַנטעל פון
שעפּסענפעל. טיילמאָל פלעגט ער צו בענגען צו דעם
פרייען וואַלד=לעבען און ס'האָט איהם גערייצט די לאַנג=
ווייליגע הויף-עטיקעטע, וועלכע האָט אזוי פיעל צייט

פערנומען. ער האט בעזעסען יעצט א וואונדערשײנעם פאלאץ, — מען האט איהם גערופען „זשואיעז" [1], — און עס האט זיך איהם געדאכט ווי א נײע וועלט, בעשאפען צו פערגניגען, ווען דער פרינץ איז געוועזען פרײ פון די זיצונגען פון דעם מלוכה-ראט און פון די אודיענצען, פלעגט ער געשווינד אראבגײן אונטען די ברײטע שטיגען מיט די בעגילדעטע לײבען, אויף די טרעפען פון העלען פארפיר-שטײן; און פלעגט זיך ארומדרײען אין די זאלען פונ'ם פאלאץ, גלײך ער וואלט געוואלט מיט דעם אנבליק פון דער גאנצער פראכט אויסהײלען די געליטענע צרות און שעפען נײע כחות נאך דעם אלעם וואס ער האט געהאט אויסצושטײן אין די קינדער-יאהרען.

אויף זײנע „ענטדעקונגס-רײזען", ווי ער פלעגט רופען זײנע שפאצירען, — די רײזע אין די געהײמניספאלע לענדער —, פלעגט ער נעמען מיט זיך שײנע פאזשען מיט גאלדענע לאקען, און ברײטע מאנטלען, געצירט מיט פרײליך נאך דעם ווינד פליהענדע בענדער. אפטער אבער פלעגט ער שפאצירען אלײן, פיהלענדיג אינסטינקטיוו, ווי בנביאה, אז די סודות פון דער קונסט קען מען נאר פערשטײן אין דער שטיל, און אלעם שײנע און קלוגע האט ליעב, מען זאל עס בעטראכטען אין דער אײנזאמקײט.

פון דעם יונגען קעניג האט מען דערצײלט וואונדערליכע געשיכטען. מען האט דערצײלט, אז ווען דער דיקער בירגערמײסטער פון דער שטאדט איז געקומען האלטען א לאנגע און געפוצטע רעדע אין נאמען פון די בירגער, האט ער געטראפען דעם קעניג טיעף און אין

---

1) די פרײדיגע.

גרויסען פערעהרונג געזוכט פאר אַ פון ווענעדיג געבּרענגט בילד; ס'האָט פאָרגעשטעלט דעם דיענסט פון אַן'אונבעקאַנטע גאָטהייט. אַן'אַנדער מאָל, ווען דער קעניג האָט זיך אָבגערוקט אויף עטליכע שעה, האָט מען איהם קוים געפונען אין אַ זייטען-שטיבעל פון דעם צפון-טורם: בעצויבערט, האָט ער זיך פערקוקט אין אַ גריכישע געמעלע, אַ קאָפּ פון דעם געטליך-שיינעם אַדאָניס. מען האָט געזאָגט, אַז לאַנג אין די נאַכט האָט ער זיך געזעטיגט די אויגען מיט דעם אַנבליק פון דעם שפּיעל פון די לבנה-שטראַהלען אויף דעם זילבערנעם שטיין-בילד פון ענדימיאָן, דעם געליעבטען פון דער געטין לבנה.

אַ מעכטיגע ווירקונג האָבען אויף איהם געמאַכט זעלטענע זאַכען און קאָסטבאַרקייטען; אָנגענומען פון אַ הייסען וואונש צו בעזיצען זאַמלונגען פון זעלטענע און שיינע זאַכען, האָט ער צושיקט סוחרים אין די ווייטע לענדער: נאָך וואָהלשמעקענדע אַמבּרע צו די ווילדע פישער פון די ימים אין צפון, קיין מצרים נאָך די העלגרינע שטיינער, וועלכע ליגען בעהאַלטען אין די קברים פון די קעניגען און האָבען אין זיך אַ צויבער-קראַפט, — קיין פּערסיען נאָך זיידען-מאַטעריען און פערשידענע פאַרבּיגע געפעסער, קיין אינדיען נאָך לייכטע קליידונגס-מאַטעריאַלען, שניצערייען פון עלפען-ביין, לבנה-שטיינער, אָרם-בענדער פון נעפריט, סאַנדאַל-האָלץ, בלויע עמאַליע און די דינסטע זיידענע קאָפּ-דעקען.

שטאַרק האָט איהם בעשעפטיגט די קריינונגס-קליידונג: דער גילדענער מאַנטעל, די מיט רובינען געציערטע קרוין, דער סצעפּטער, געשמוקט מיט פּערל, ער האָט פון דעם אַלעם געקלערט, ליגענדיג אויף דעם פּרעכטיגען בעט און נאָכקוקענדיג מיט די אויגען דעם קלאָץ פון סאָסנאָווע האָלץ, וועלכער האָט געברענט אויפ'ן

קוימען... שוין לאַנג האָט מען איהם געהאַט פאָרגעשטעלט די צייכנונגען פון די בעקאַנטסטע קינסטלער; ער האָט געהייסען נאָך די דאָזיגע צייכנונגען אויפנייען די קליידער, און נייען אָהן אויפהער ביי טאָג און ביי נאַכט, אומעטום האָט מען איינגעזוכט קאָסטבאַרע שטיינער, וועלכע האָבען געזאָלט זיין ווערט צו צירען די קריינונגס-קליידער. דער קעניג האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער שטייט אין דעם קעניגליכען מאַנטעל פאַר דעם אַלטאַר אין דער קירכע, און אַ שמייכעל האָט זיך געוויזען אויף זיינע יונגע ליפען, און אין די ווי דער געדאַכטער וואַלד פינסטערע אויגען האָט אויפגעפלאַקערט אַ העל, גליקליך, פרייליך פייער.

ער האָט זיך אויפגעהויבען, אָנגעלעהנט אָן דעם שאַרפען קאַנט פון דעם קוימען און האָט אַרומגענומען מיט די אויגען דעם קוים בעלויכטענעם זאַאַל, פון וועלכען די ווענד זענען געוועזען בעדעקט מיט גאָבעלינען, וועלכע האָבען פאָרגעשטעלט דעם נצחון פון דער שענהייט. טיעף אין דער שטוב האָט געשיינט אַ שאַנק, אויסגעלייגט מיט אַגאַט-שטיין און לאַזור, ביי דעם פענסטער אַ שאַכטעל פון טייערע אַרבייט מיט גאָלד-שניצערייען, עטליכע בעכער פון ווענעציאַנער גלאָז, און אַ גרויס גלאָז פון אָניקס-שטיין מיט טונקעלע אָדערן איז געשטאַנען אויף דעם טיש. די זיידענע דעק אויף דעם געלעגער איז געווען אויסגעשטיקט מיט בלאַסע מאָן-בלומען; ס האָט זיך געדאַכטען, אַז די בלומען זענען געוואָרען אויסגעשטרייט מיט אַ פערשלאָפענער האַנד; אויף הויכע, געדרייטע זיילען פון עלפענביין איז געשטאַנען אַ סאַמעטען הימעל-בעט, און הויך איבער איהם האָבען זיך אויפגעהויבען ווייסע ווי שנים בוקעטען פון שטרויס-פעדערן, דערגרייכענדיג ביז צום גלענצענדען געשניצטען סופיט מיט זיל-

בערנע ארבייט. צו קאפענם האט א בילד פון דעם שמיילענדען נארציז, איגגאנצען אוים גרינעם בראנז, געהאלטען א גלאנצענדיגען שפיגעל. אויפ'ן טיש איז געשטאנען א טונקעלער אמעטיסטענער בעכער.

דורכ'ן פענסטער האט מען געזעהען די אונדייטליכע אומריסען פון דער קופאלע פון דער קירכע, וועלכע האט געראגט ווי א ווייס היטעל איבער די טונקעלע געביידען. די שילדוואכען האבען זיך מיעד און פויל ארומגעדרייט אויף די טעראסען, וועלכע האבען אריבערגעהאנגען איבער דעם פערנעבעלטען שטראם. ווייט, אין דעם גארטען, האט ער געהערט דאס געזאנג פון דעם נאכטיגאל. דער איידעלער גערוך פון דעם יאסמין האט אריינגעשטראמט דורכ'ן אפענעם פענסטער. דער יונגער קעניג האט אוועקגעדרוקט די האר, וועלכע זענען איהם געפאלען אויף די אויגען, גענומען די הארפע און אדורכגעפיהרט מיט דער האנד אויף די זייטען. די געדאכטע ברעהמען האבען זיך אראבגעלאזט, און א זעלטזאמע רוהיגקייט האט איהם אדורכגענומען. ער האט קיינמאל ביז יעצט נישט געפיהלט אזוי דייטליך, אזוי טיעף און פרייריג דעם צויבער און דאס געהיימניס פון דער שענהייט.

ווען דער טורם־זייגער האט געשלאגען מיטער־נאכט, האט ער אנגעריהרט דאס גלעקעל, און אין דעם שלאף־צימער האבען זיך געוויזען יונגע פאזשען, פאמעליך, לויט די רעגעל פון דער הויפס־עטיקעטע, האבען זיי אראבגענומען פון דעם קעניג די קליידער, געוואשען איהם די הענד מיט ראזען־וואסער און געשמיקט דאס קאפ־קישען מיט בלומען. די פאזשען זענען פערשוואונדען, און דער קעניג איז איינגעשלאפען.

אין דעם שלאף האט ער געזעהען א טרוים: ס'האט זיך אוהם געחלומ'ט, אז ער געפינט זיך אין א לאנגער,

נידריגער שטוב הויך אונטער דעם דאך פון דעם הויז, אַרום איהם קלאַפּערן און רוישען אונצעהליגע וועבער־שטוהלען. דער זון־שיין גייט קוים אַדורך דורך די פענס־טער־קראַטען און בעלייכט די אויסגעדאַרטע פּנים'ער פון די וועבער, וועלכע זענען געבויגען איבער דער אַרבייט. און דער הויך אויף קווער געשטעלטע ברעטער, זיצען קינדער, דאַרע און בלאַסע. ווען די וועבער־שיפלעך שניידען אַדורך דעם פאַדעם, הייבען זיי אויף די שווערע קוועטש־אייזען, און ווען די שיפלעך בלייבען שטיין, לאָזען זיי די אייזען אַראָב און בינדען צו דעם פאָדעם. זייערע פּנים'ער זענען אָבגע־מאָגערט און הונגעריג; די דאַרע, ציטערנדע הענד געהאָר־כען נישט שנעל דעם ווילען. טרויעריגע פרויען גייען ביים טיש. די לופט איז אונערטרעגליך, שווער, שטיקענד, פון די ווענד גיעסט זיך די פייכטקייט אין טראָפּען. דער יונגער קעניג איז צוגעגאַנגען צו איינעם פון די וועבער און האָט אָנגעהויבען זיך צוצוקוקען צו זיין אַרבייט.

דער וועבער האָט אויף איהם געוואָרפען אַ בייזען בליק און בעמערקט מיט אַ ברומענד קול:

— וואָס קוקסט דו מיך אָן? דו ביסט אפשר אַ שפּיאָן, אונטערגעשיקט פון אונזער בעל־הבית?

— ווער איז דיין הערר? — האָט געפרעגט דער קעניג.

— דער הערר! — האָט מיט אַ ביטערקייט אויס־געשריען דער וועבער. — אַזאַ מענש ווי איך, יאָ. דער גאַנצער חליק איז נאָר אין דעם, וואָס ער קליידט זיך אין טייערע, אײדעלע שטאָפען, און איך אין סמאַטעס; איך האָב נישט קיין כח פון הונגער, און ער קרענקט פון איבערעסען און שוועלגערן.

— דו ביסט דאָך נישט קיין קנאַכט, — האָט בע־מערקט דער קעניג.

— אין דער מלחמה, — האָט געענטפערט דער

וועבער, — בעזיזנט דער שטאַרקערער דעם שוואַכען. אין דער צייט פון שלום, מאַכט דער עשר אויס דעם אָרימאַן אַ קנאַכט. מיר מוזען אַרבייטען זיך צו ערנערען, און זיי געבען אונז אַזוי ווייניג געלד, אַז מיר לעבען קוים פון הונגער. גאַנצע טעג אַרבייטען מיר, און דאָס אַלין גייט אויף זיי. די קאַסטענס פון די נגידים ווערען אָנגעפילט מיט הויפען געלד, און אונזערע קינדער ווערען יונגערהייט אַלט, און זייערע ליעבליכע פּנימ'לעך ווערען טרויעריג און בייז. מיר קוועטשען אויס דעם זאַפט פון די ווייַנטרויבען, און דעם ווייַן טרינקען אַנדערע; מיר פּערזייען התבואה, און אונזערע טישען זענען ליידיג. מיר זענען געשלאָסען אין אונזיכטבאַרע קייטען. מענשען רופען אונז פרייע בירגער, און מיר זענען אָבער קנעכט. —

— אַלע גייט דען אַזוי?

— אַלע, — האָט געענטפערט דער וועבער, — יונגע און אַלטע, מענער און ווייבער. קליינע קינדער און אַלטע לייט, בעלאַסטעט און נידערגעבויגען פון די יאָהרען. די גבירים דריקען אונז און מיר מוזען ליידען. דורך אונזערע אונטערגעסלעך, אויף וועלכע ס'ווייזט זיך קיינמאָל נישט די שיין פון דער זון, גנב'עט זיך אַדורך די נויט מיט הונגעריגע, געפּרעסיגע אויגען און נאָך איהר גייט נאָך, טריט אויף טריט, דאָס פערברעכען אין אַ מאַסקע פון אַ ווילדע חיה. די אָרימקייט וועקט אונז אין דער פריה, און אַם אָבענד היט די ערנידערונג אונזערע טריט. וואָס גייט דיך דאָס אַלין אָן? דו ביסט נישט פון די אונזערע, דו האָסט אַ צופריעדען פּנים.

דער וועבער האָט זיך מיט כעס אויסגעדרייט און האָט געלאָזט דאָס שפּיעל.

דער יונגער קעניג האָט בעמערקט גאָלדענע פעדים

אויפ׳ן שיפעל. מיט שרעק האָט ער בעמערקט:

— וואָס פאַר אַ שטאָף אַרבייטסט דו אוים?

— דעם קריינונגס־מאַנטעל פאַר׳ן יונגען קעניג, — האָט געענטפערט דער אַרבייטער. — צו וואָס ברויכסט דו דען דאָס צו וויסען?

דער יונגער קעניג האָט אויסגעשריגען.... און איז אויפגעוואַכט אין זיין שלאָף־צימער.

דורך דעם אָפענעם פענסטער האָט אַריינגעשיינט די לבנה, און דער הימעל איז געווען פינסטער...

ער איז ווידער איינגעשלאָפען און האָט געזעהען אַנ׳אַנדערן טרוים. ס׳האָט זיך איהם גע׳חלום׳ט...

ס׳האָט זיך איהם געדאַכטען, אַז ער ליגט אויף דעם איבער־דעק פון אַ גרויסע שיף. הונדערטער קנעכט שיפען. נעבען דעם קעניג זיצט אויף אַ דיוואַן דער אויי־געזעהענער פון דער שיף, שוואַרץ ווי שוואַרץ האָלץ. ער טראָגט אַ רויטען טורבאַן, גרויסע זילבערנע אויערינגען ציהען איהם אַראָב די דיקע אויערען; אין דער האַנד האַלט ער אַ העלפענביינענע וואָג. אויף די קנעכט זענען נאָר אַנגעטאָן לעדערדיגע פאַרטוכער; יעדער איז צונויפ־שלאָסען מיט אַ קייט צו דעם פוס פון זיין שכן.

די הייסע זון־שטראַהלען ברענען די קנעכט, דורך די דורכגענג צווישען די בענק לויפען אַרויף נעגער און שלאָגען זיי מיט לעדערנע רעמעצען. די קנעכט הויבען אויף די דירע, אויסגעטרוקענטע הענד און דרייען די שווערע וויאָסלעס; פון די הרענגער שפריצט דאָס געזאַל־צענע וואַסער.

זיי זענען צוגעשיפט צו אַ קליינעם האַפען און האָבען מיט אַ סאַנדרע אָנגעהויבען מעסטען די טיעפעניש פון דעם מעער. אַ לייכט ווינטעל איז אָנגעקומען פון דעם אופער און האָט פאַרשיט מיט דינעם, רויטען זאַמד די

בּרעטער פון דעם אויבער־דעק און דעם גרויסען פיער־
עקעדיגען זעגעל, צום אפּער זענען צוגעריטען דריי אראַ־
בּער אויף ווילדע פערד און האָבּען געוואָרפען דריי קליי־
נעגדיגע פיילען אין די שיף.

דער איינענטימער פון דער שיף האָט געחאַפּט אַ
פיעל־פאַרבּינען בּויגען און האָט געלאָזט אַ פייל דעם
אראַבּער גלייך אין האַרץ אריין. דער אראַבּער איז שווער
אראָבּגעפאַלען אין דעם זאַמד, די אַנדערע זעיען אנטלאָ־
פען אויף זייערע שנעלע פערד. נאָך זיי האָבּען זיך פאַ־
מעליך און שווער נאָכגעשלעפּט קאַמעעלען מיט פרויען
אין נעהלע טוכער, פון צייט צו צייט האָבּען די פרויען
צוריקגעקוקט אויף דעם נעהרג'עטען.

ווען מען האָט אראָבּגעלאָזט דעם אנקער און
אראָבּגעצויגען די זעגעל, האָבּען די נעגער אַרויפגעבּרענגט
פון די שיפס־קעהלער אַ לאַנגע שטריק־לייטער מיט שווע־
רע בּלייערנע געוויכטען, דער איינענטימער פון דער שיף
האָט צוגעבּונדען די עקען פון דער לייטער צו אייזערנע
רינגען און האָט זי אַראָבּגעלאָזט איבּער דעם ראַנד.

די נעגער האָבּען אַראָבּגענומען די קייטען פון דעם
יונגסטען קנעכט, פערקלעבּט איהם די נאָז־לעכער און
די אויגען מיט וואַקס און צוגעבּונדען אַ שווערען שטיין
צו דעם רעמען פון זיין גירטעל. דער קנעכט איז מיט
דער גרעסטער אָנשטרענגונג אראָבּגעקראָכען אויף דער
לייטער און האָט זיך געוואָרפען אין דעם מעער אריין;
בּלויז עטליכע רינגען אויף דער אָבּערפלעכע פון דעם
וואַסער האָבּען קענטליך געמאַכט דאָס אָרט וואו ער איז
אַריינגעשפּרונגען. אַלע האָבּען מיט נייגירדע געקוקט אויף
די וועללען; בּיי דעם ראַנד פון דער שיף איז געזעסען
אַ בּעשווערער פון די רעקינען און האָט איינטעניג גע־
שלאָגען אין די פויק.

באלד האט זיך דער טויכער ארויסגעוויזען פון דעם וואסער; ער האט זיך אנגעהאלטען אן די לייטער און האט קוים געכאפט אטעם. אין דער רעכטער האנד האט ער געהאלטען א ווייסע פערל. די נעגער האבען זי איהם ארויסגענומען פון דער האנד און האבען איהם ווידער אראבגעשטופט. די קנעכט ביי די וויאסלעס זענען איינגעשלאפען.

דער טויכער האט זיך עטליכע מאל ארויסגעוויזען פון דעם וואסער, ברענגענדיג פראכטפאלע פערל. דער איינגענטימער פון דער שיף האט געוואויגען די פערל און האט זיי אוועקבעהאלטען אין א זעקעל פון גרינע לעדער.

דער יונגער קעניג האט געוואלט רעדען, נאר זיינע ליפען האבען זיך ניט געריהרט, די צונג איז איהם געווארען צום גומען צוגעטרוקענט. די נעגער האבען צווישען זיך געשמועסט, געקריגט איבער א שנור גליצענדיגע גלאז-קרעלען. איבער דער שיף האבען זיך געדרייט אין דער לופט צוויי שטארך-פייגעל.

פלוצלונג האט דער טויכער זיך געוויזען דאס לעצטע מאל, און די פערל, וועלכע ער האט דאס מאל ארויסגעברענגט, איז געווען די הערליכסטע; זי האט אויסגעזעהען ווי די לבנה אין האלב חודש און האט העלער געשיינט ווי דער מארגענשטערן. דאס פנים פון דעם קנעכט האט זיך בעדעקט מיט א טויטליכע בלאסקייט; ער איז אנידערגעפאלען אויף דעם איבער-דעק, און פון די נאזלעכער און פון די אויערען האט זיך איהם געלאזט דאס בלוט. ער האט געגעבען א קראמפהאפטען ציטער און האט זיך אויפגעהערט צו ריהרען.

און דער איינגענטימער האט געשמייכעלט און איז צוגעגאנגען, גענומען אין די האנד די פערל, און בעקוקט זי, צוגעלייגט צום שטערן און געזאגט, זיך בו-

קענד: — זי וועט זיין די שענסטע צירדע פאר דעם סצעפטער פון דעם יונגען קעניג, — און האט געהייסען די נעגער אויפהייבען דעם אנקער.

דער יונגער קעניג האט הויך אויפגעשריגען און... איז אויפגעקומען. דער פארטאג האט אריינגעשיינט דורך דעם פענסטער און האט מיט זיינע בלייכע פינגער פער־לאשען איינעם נאך דעם אנדערן די ציטערדיגע, אויס־גייענדע שטערן,

ווידער איז דער קעניג געווארען אנטשלאפען, און א נייער חלום האט זיך איהם בעוויזען. ער האט געזעהען...

ס'האט זיך איהם געדאכטען, אז ער גייט דורך א געדאכטען וואלד, ווי ס'וואקסען זעלטזאמע פרוכטען און הערליכע, ניפטיגע בלומען. הינטער איהם לאזען די שלאנגען ארום א שטילען פייף, די פערשידען־פארביגע פאפוגעס רעדען זיך איבער הויך אויף די גרינע צווייגען, גרויסע שילדקרעטען ליגען אין דעם הייסען זומפ, אויף די ביימער איז דא א מענגע אפפען און פויגען. דער קע־ניג גייט אלץ ווייטער און קומט צו דעם ראנד פון דעם וואלד. ער זעהט אנ'אונצעהליגע מענגע מענשען, וועלכע ארבייטען אין דעם בעט פון אנ'אבגעפיהרטען שטראם. ווי אמייזען קריכען זיי אייף די פעלזען. טייל פון זיי גרובען טיעפע ברונען, אנדערע לאזען זיך אין זיי אראב, טייל האקען אב מיט זייערע גרויסע אייזענע שטיקער שטיין, אנדערע גראבען אין דעם זאמד, רייסען אויס מיט דיווארצלען קאקטוס־קושאקעס, טרעטען מיט די פיס רויטע בלומען. אלע ארבייטען מיט א פיעבערהאפטער געשווינדיגקייט און פון צייט צו צייט שרייען זיי איינער דעם אנדערן עטוואס צו: קיינער זיצט נישט מיט פער־ליינטע הענד.

פון א פינסטערער הייל קוקען צו צו זייער ארבייט דער טויט און די תאווה. ס׳פעהלט מיר עפּיס, זאגט דער טויט, — גיב מיר אוועק א דריטעל און לאז ביך אָפּ.

די תאווה האט געגעבען א שאקעל מיט דעם קאָפּ.

— מיינע קנעכט, — האט זי געענטפערט.

— וואס האלטסט דו אין דער האנד? — האט געפרעגט דער טויט.

— דריי קערן תבואה, וואס גייט דאס דיך אן?

— גיב מיר איין קערן, — האט א געשריי געטאן דער טויט, — איך וועל עס פערזייען אין מיין גארטען; נאר איין קערנדעל גיב מיר, און איך לאז דיך אָפּ.

— איך וועל דיר גארנישט געבען, — האט געענטפערט די תאווה און האט בעהאלטען די האנד אין די פאלדען פון דעם קלייד.

דער טויט האט זיך אויסגעלאכט, גענומען א בע־כער און אנגעפילט מיט זומפּיג וואסער; פון דעם בעכער איז ארויס דאס זומפּ־פיבער. ס׳איז אדורכגעגאנגען צווי־שען די מענשען, און א דריט חלק פון זיי האבען מיט זייערע קערפּערס אויסגעבעט די ערד. א קאלטער נעבעל איז געגאנגען הינטער איהם, און צו זיינע פיס זענען גע־קראכען וואסער־שלאנגען.

די תאווה האט געזעהען די פערטיילונג פון א דריטעל פון איהרע מענשען און האט אנגעהויבען מיט א געשריי זיך צו קלאפּען אין די ברוסט. און די ליידיגע ברוסט האט זי זיך געשלאגען און געיאמערט: — דו האסט אויסגעהרג׳עט א דריטעל פון מיינע מענשען, גיי אוועק! אין די געבירג פון טאטאריי איז אויסגעבראכען א מלחמה, די קעניגע פון די פיינדליכע זייטען רופען דיך צו הילף. די אפגאנער האבען געברענגט אויף א קרבן א שווארצען שטיער און זענען ארויסגעצויגען אין

קריעג. זיי האבען געשלאגען מיט זייערע לאנצען און די שילדען און האבען בעדעקט די קעפ מיט אייזערנע העלמען. יאָס זיצסט דו אין מיין טאל ? גיי, קום דא נישט אהער!

— ניין, — האט דער טויט געענטפערט, — איך וועל נישט אוועקגיין, ביז דו וועסט מיר נישט שענקען איינס פון דיינע קערנער.

די תאיה האט אבער נאך שטארקער פארמאכט די האנד מיט די קערנער און האט אנגעהויבען קריצען מיט די ציין.

— איך וועל דיר גארנישט געבען, — האט זי שטיל געזאגט.

דער טויט האט זיך אויסגעלאכט, גענומען א שווארצען שטיין און האט איהם געווארפען אין וואלד אריין; פון דעם געדאכטען וואלד, פערוואקסען מיט ווילדע ציקוטע, איז ארויסגעגאנגען דאס פיבער און א פייערדיגען מאנטעל. ס'איז ארומגעגאנגען צווישען די מענשען, קוים זיי בעריהרענדיג; די בלייכע בעריהרונג האט געברענגט דעם טויט. ווי ס'איז פארביי געגאנגען, דארט האט פערוועלקט דאס גראז.

די תאיה האט געגעבען א ציטער און האט זיך געשיט אש אויפ'ן קאפ. — דו ביסט אונבארמהערציג; — האט זי געשריגען. — דו ביסט אונבארמהערציג! און די מיט מויערן ארומגערינגעלטע שטעדט פון אינדיען הערשט דער הונגער, און סאמארקאנד טרוקענען די ברונען א הונגער איז אין די שטעדט פון מצרים, דער היישרעק האט זיך דארט אהין איבערגעטראגען פון דעם מדבר, דער ניל 1) איז נישט ארויסגעטרעטען פון זיינע אפער

---

1) א שטראם אין מצרים.

צו בּעוועסערן די פּערטרײַקענטע ערד, די פּריעסטער שוי־ יען פּלוכע קײַגען אָזיריס און איזיס 1), גײ אהין צו זיי; זיי בּרויכען יעצט דיך, ריהר ניט מײַנע קינדער.

— איך וועל ניט אַוועקגײן, בּיז די וועסט מיר ניט שענקען איינס פון דײַנע תּבואה־קערנער, האָט נאָך אַמאָל געזאָגט דער טויט.

— איך וועל עס דיר ניט געבּען! — האָט אַליין אין איינעם געזאָגט די תּאוה.

און דער טויט האָט זיך ווידער אויסגעלאַכט און האָט געגעבען א פייף אין די צוואַמענגעלייגטע פינגער. פּלוצלונג האָט זיך אין דער לופט בּעוויזען א געפליגעל־ טע פרוי... זי איז געפלויגען, און אויף איהר שטערן האָט מען געזעהען מיט פינסטערע צייכען אויסגעקריצט דאָס וואָרט „דזשומע”; איבער איהר קאָפּ איז געפלייגען א מחנה אויסגעהונגערטע רויב־פויגעל און האָט פערדעקט פאַר דער שײַן פון דער זון דאָס גאַנצע טאָל, און פון אַלע מענשען איז ניט געבּליבען קיין איין לעבּעדיגע נשמה.

די תּאוה איז מיט א יאָמערליך געוויין אַוועקגעפלוי־ גען איבער די שפּיצען פון די וואַלד־ביימער. דער טויט האָט זיך אויפגעזעצט אויף זיין שטאַטליך פערד און איז אַוועק שנעלער ווי דער שטורם.

פון דעם זומפּ פון דעם אונטערשטען טייל טאָל זענען ארויסגעקראָכען דראַקאָנען, עקעלהאַפטע בּעשעפּע־ נישען, בּעדעקט מיט שופּען. ס'זענען אָנגעקומען צו שפּרינגען שאַ...יען און האָבען געשמעקט אַרום זיך די לופט.

---

1) מצרישע געטער.

טרעהרען האבען אנגעפילט די אויגען פון דעם יונ־
גען קעניג, און ער האט געפרעגט:

— ווער זענען געווען די דאזיגע מענשען? וואס
האבען זיי געזוכט?

— זיי האבען געוואלט רובינען פאר דעם קעניגס
קרוין, — האט זיך געלאזט הערען א קול הינטער איהם.

דער יונגער קעניג האט געגעבען א ציטער און האט
זיך אויסגעדרייט. פאר איהם איז געשטאנען איינער, אנ־
געקליידט ווי א וואנדערער; אין דער האנד האט ער גע־
האלטען א זילבערנעם שפיגעל.

— פאר וועלכען קעניג, — האט געפרעגט דער
יונגלינג און איז בלאס געווארען.

— קוק אריין אין דעם שפיגעל, וועסט דו זע־
הען, — האט געענטפערט דער וואנדערער.

דער קעניג האט דערזעהען אין דעם שפיגעל זיין
אייגען אבגעשלאגען בילד; ער האט אויסגעלאזט א הויי־
כען שריי און.... איז אויפגעוואכט. העלע שטראהלען
פון דער זון האבען פערפלייצט דעם זאאל, און די ביי־
מער פון דעם גארטען און אין די וועלדער האבען גע־
זונגען די פייגעל.

ס'זענען אריינגעקומען מיט טיעף געבייגטע קעפ דער
צערעמאניע־מייסטער און די ערשטע הויפס־לייט, און די
פאזשען האבען אריינגעבראכט א גאלדענעם מאנטעל,
די קרוין און דעם סצעפטער.

דער יונגער קעניג האט געווארפען א בליק אויף
די צירונג — זיי זענען געווען הערליך. זיי האבען מיט
זייער שענהייט איבערגעשטייגט אלץ, וואס ער האט ביז
יעצט געזעהען. ער האט אבער נאך געדענקט און לע־
בעדיג געהאט אין דעם זכרון די נאכטליכע חלומות און
האט געזאגט די הויפס־לייט:

— נעהמט צו די זאַכען, איך װעל זײ נישט אָנ־טאָן.

די הויפּס־לײַט האָבען אָנגעקוקט פערוואונדערט אײנער דעם אַנדערן: טײל האָבען די װערטער אָנגענומען פאַר אַ קאַטאָװעס.

דער קעניג האָט זיך װידער געװענדעט צו זײַן געפאָלג און האָט געזאָגט:

— נעהמט די זאַכען אַװעק פון מיר און בעהאַלט זײ װײַט פון מײַנע אויגען. איך װעל זײ נישט אָנטאָן אין דעם טאָג פון מײַן קרײנונג. די קלײדער זענען געװעבט אויף דער װעב־שטוהל מיט די בלײכע פינגער פון דער נויט. אין דעם האַרץ פון דעם רובין פלאַקערט בלוט, אין דער טיעפעניש פון דער פּערל לויערט דער טויט.

און ער האָט דערצײלט די דרײַ חלומות. די הויפּס־לײַט האָבען זיך אָבגעקוקט און האָבען זיך אָנגעהויבען צו סוד'ען.

— ער איז פון זינען אַראָב: אַ חלום איז דאָך נאָר אַ שטן, מיט דעם קען מען זיך נישט רעכענען. חלומות שטײען אויסענװײניג פון דעם װירקליכען לעבען. װאָס גײען אונז אָן די, װעלכע אַרבײטען אויף אונז? צו טאָר מען דען נישט עסען קײן שטיקעל ברויט, מען זאָל נישט פריהער אַ בליק װאַרפען אויף דעם ערד־אַרבײטער, אָדער טרינקען אַ גלעזעל װײַן, מען זאָל נישט פריהער איבערשמועסען מיט דעם װײַנגערטנער?

דער צערעמאָניע־מײַסטער האָט, זיך װענדענדיג צום יונגען קעניג, אָנגערופען:

— איך בעט דיך, העער, פערטרײַב דײַנע פינס־טערע געדאַנקען, היל דיך אײַן אין דעם פּראַכטפאָלען מאַנטעל, לײג אויף דיר אַרויף די קרוין. װי אַזוי װעט

דאס פאלק דערקענען זיין קעניג, אז ער וועט נישט זיין אין טייערע קליידער?

דער קעניג האט איהם אנגעקוקט.

— ווירקליך? — האט ער איבערגעפרעגט. — צי וועט מען מיך טאקי נישט אנערקענען פאר א קעניג אהן קעניגליכע קליידער?

— מען וועט נישט דערקענען, הערר, — האט געענטפערט דער צערעמאניע-מייסטער.

— איך האב געמיינט, אז ס'זענען פאראן מענשען, וואס האבען פון געבוירענהייט אן דאס אויסזעהען פון הערשער, — האט געענטפערט דער קעניג. — דו ביסט אפשר גערעכט. נאר פונדעסטוועגען וועל איך דאך נישט אנטאן די דאזיגע קליידער, איך וועל נישט אויפלייגען די דאזיגע קרוין! איך וועל ארויסגיין פון דעם פאלאץ אזוי, ווי כ'בין אין איהם אריינגעקומען.

און ער האט אוועקגעלאזט די הויפס-לייט און האט איבערגעלאזט זיך איין יונגען פאזש, וועלכער איז געווען זיין חבר, מיט א יאהר יונגער פון איהם. דער קעניג האט זיך אבגעוואשען מיט ריין וואסער, אויפגעעפענט א גרויס געמאלט שאכטעל און ארויסגענומען פון דארט א לעדערן דעקעל און א גראבען מאנטעל פון שעפסען-פעל. ער פלעגט טראגען די דאזיגע קליידער, ווען ער האט נאך אויף די זייטען פון די הינגעל געפאשעט די סטאדעס פון לאנג-האריגע ציגען. די הירטען-קליידער האט ער אנגעטאן אויף זיך און אין די האנד האט ער גענומען אנ'איינפאכען שטעקען.

דער קליינער פאזש האט פערוואונדערט אויפגעעפענט ברייט די בלויע אויגען און זיך ווענדענדיג צום קעניג האט ער געזאגט מיט א שמייכעל אויפ'ן פנים:

— איך זעה דעם מאנטעל און דעם קעניגליכען

סצעפּטער, די קרוין אָבער, הערר, וועה איך נישט.

דער יונגער קעניג האָט אָבגעבראָכען א צווייג פון א ווילד ראָזען-בוימעל, וועלכעס האָט געוואַקסען ביי די שטאַפּלען פון דעם באַלקאָן, האָט עס איינגעבויגען ווי א קראַנץ און האָט עס זיך אָנגעטאָן אויפ'ן קאָפּ.

— דאָס צווייגעל וועט זיין מיין קרוין, — האָט ער געענטפערט.

אַזוי אָנגעטהון, איז דער קעניג אַרויסגעגאַנגען פון דעם רוה-צימער אין דעם גרויסען זאַאל.

טייל פון די פּעראַמעלטע האָבען אָנגעהויבען צו לאַכען, אַנדערע האָבען געגומען זיך סור'ען: דאָס פאָלק וויל, האָבען זיי צווישען זיך געשמועסט, וועהען א קעניג, און וועט קריכען פאַר די אויגען א בעטלער, — אַנדערע ווידער האָבען עמפּערט אויסגעשריגען: — דאָס איז א חרפּה פאַר דעם קעניגרייך, ער איז נישט ווערט צו זיין א הערשער! דער קעניג איז שטיל פאַר זיי פאַרביי אַראָבגעגאַנגען די טרעפּען, וועלכע האָבען געשיינט פון פּאָרפיר-שטיין, אַרויסגעגאַנגען דורך די בראָנזענע טויערן, זיך געזעצט אויף דעם פערד און אַוועקגעריטען צו דער קירכע, בעגלייט בלויז פון דעם איינציגען קליינעם פּאַזש.

דאָס פאָלק האָט חוזק געמאַכט און געשריגען:

— דעם קעניג'ס בלאַזען פאַהרט! דער בלאַזען!

דער קעניג האָט אָבגעשטעלט דאָס פערד און האָט געזאָגט:

— ניין, איך בין דער קעניג!

און ער האָט דערציילט דעם פאָלק די דריי חלומות.

פון דער מענגע איז איינער אַרויסגעטרעטען און האָט טרויעריג געענטפערט:

— קעניג, צי ווייסט דו דען נישט, אז דער וואוילטאָג פון דעם רייכען ערנעהרט דעם אָרימאַן? מיר

לעבען פון יענעמ׳ס הערליכקייט און שוועלגעריי און מיר שפייזען זיך פון פרעמדע חטאים. ס׳איז צו שווער צו ארבבייטען אויף א שלעכטען הערד, שרעקליכער נאך איז אבער גארנישט צו האבען קיין ארבייט. צי קלערסט דו, אז די קראען וועלען אונז, ווי אליהו הנביא, ברענגען שפייז? צי ביסט דו אימשטאנד צו איבערראנדערשען דאס לעבען? צו קענסט דו זאגען דעם קונה: „צאהל אזוי פיעל" און דעם סוחר: „ביעט אזוי פיעל"? מיר גלויבען דיר נישט... גיי צוריק אין דיין פאלאץ, טהו אן צוריק דיין פורפור און די טייערע, איידעלע שטאפען?...

— צי זענען דען דער גביר און דער אריםאן נישט קיין ברודער?

— יא, דאס איז אמת, — האט געענטפערט דער אונבעקאנטער, — דער נאמען אבער פון דעם נגיד איז — קין.

די אויגען פון דעם יונגען קעניג האבען זיך אנגעפילט מיט טרעהרען; ער איז אבער דאך געריטען ווייטער אינטער דעם געמורמעל פון דעם פאלק. דער קליינער פאזש איז אנטלאפען, אנגענומען פון א פלוצלונגען שרעק.

ביי די טויערן פון דער קירכע האבען די שילדוואכען אקייגענגעשטעלט דאס געוועהר און האבען איהם אנגעשריגען.

וואס ברויכסט דו דא? דער איינגאנג אין געמאכט נאם פאר דעם קעניג!

דער קעניג׳ס פנים איז געווארען רויט פון כעס.

— איך בין דער קעניג, — האט ער געזאגט מיט א הויך קול, אוועקגערוקט די שווערטער און אריינגעגאנגען אין דעם היליגטום.

ווען ער דעם קעניג אין א הירט׳ס קליידונג, האט

זיך דער אַלטער בישאָף ערשטוינט אויפגעהויבען און איז איהם אַנטקעגען געגאַנגען.

— מיין זוהן, — האָט ער געזאָגט, — צו האָסט דו אויף דיר די קעניגליכע קליידער? וואָס פאַר אַ קרוין וועל איך דיר אָנטון אויף דעם קאָפּ, וועלכען סצעפּטער וועל איך דיר געבען אין די האַנד? דער היינטיגער טאָג ברויך פאַר דיר זיין אַ טאָג פון פרייד, נישט פון דער ערנידריגונג.

— צו קען די פרייד טראָגען קליידער, וועלכע זענען פאַר איהר געוועבט געוואָרען דורך די נויט? — האָט געפרעגט דער קעניג און האָט דערציילט זיינע חלומות.

דער בישאָף האָט אויסגעהערט, ביז געקנייטשט די ברעהמען און האָט געזאָגט:

— זוהן מיינער, איך בין אַלט און שטיי שוין נאָהנט דעם אונטערגאַנג פון מיין לעבען. איך קען אַ סך שלעכטס אין דער וועלט. אונבאַרמהערציגע רויבער לאָזען זיך אַראָב פון די בערגער, גנב'ענען קליינטשיגע קינדער און פערקויפען זיי אין קנעכטשאַפט צו די מויערן. אין די זאַמדען וואַרטען לייבען; זיי לויערן אויף די קאַראַוואַנען, וואַרפען זיך אויף זיי, צורייסען די מענשען און די קאַמעלען. ווילדע חזירים פערוויסטען די תבואות אין די טאָלער, פוקסען פרעסען אויף די וויינגערטנער, וועלכע וואַקסען אויף די הינגעל. די מעער־רויבער לויערן אויף די אָפּער פון דעם ים, פערברענען די שיפלעך פון די פישערס, נעמען ביי זיי צו די נעצען. אין דער וויסטע לעבען די קרעציגע; זיי פלעכטען זיך הייזלעך אויס ימשען־שטעקלעך, און קיינער האָט נישט דעם מוט צו זיי צוצוגיין. די בעטלערס וואַנדערן דורך די גאַסען פון דער שטאָדט און האַפּען אַרויס דאָס עסען פון די מײ־

לער פון די הינד, צי ביסטו אומשטאנד דאס אלעס אב־
צושאפען? צי ווייסט דו אויסגעבען דעם קרעציגען דיין
בעט? צי ווייסט דו זעצען ביי דיר דעם בעטלער צו
דיין טיש? צי וועט דער לייב הארכען דיינע בעפעהלען.
צי וועלען די ווילדע חזירים זיך אונטערגעבען דיין ווארט?
צי איז נישט קלוגער פון דיר דער, וועלכער האט בע־
שאפען די נויט? איך האלט נישט פון דיין טאט, איך
בעט דיך, גיי צוריק אין דיין פאלאץ און טהו דיר מיט
פרייד אן די קליידער, וועלכע פאסען א קעניג. איך וועל
דיך קריינען מיט א גאלדענער קרוין, איך וועל דיר גע־
בען אין די האנד א סצעפטער, געציערט מיט פערל;
פערגעס דיינע חלומות. די לאסט פון דער וועלט איז
צו שווער פאר איין מענש, די גאנצע צרה פון דער ערד
קען איין הארץ נישט פערטראגען...

— אין גאט'ס הייליגטום רעדסט דו אזעלכע ווער־
טער! — האט געענטפערט דער קעניג און, נישט אב־
שטענדיג אויף דעם בישאף, איז ער ארויפגעגאנגען איבער
די טרעפען פון דעם אלטאר און האט זיך געבוקט פאר
דעם גאולט פון גאט.

ער איז געשטאנען פאר גאט'ס בילד, און רעכטס
און לינקס ארום איהם האבען געשיינט די גאלדענע גע־
פעס; דער בעכער מיט דעם וויין, געפיהל ווי בערנשטיין,
און די כלי מיט דעם הייליגען זאלב־אייל. דער קעניג
איז געפאלען אויף די קניע פאר דעם גאולט פון דעם
געטליכען ערדעטער; און די דימאנטען פון דעם ארון
הקודש האט געגלאנצט דאס אבגעשלאגענע בילד פון די
אנגעצונדענע ליכט, דער בלייליכער רויך פון דעם רוי־
כער־ווערק איז אין שיינע רינגען איפגעשטיגען צו דעם
קיילעכדיגען דאך.

דער קעניג האט געבעטען גאט מיט א טיעפן גע־

נײַנטען קאָפּ, די פּריעסטער האָבען אײנער נאָך דעם אַנדערן פערלאָזט דעם אַלטאַר.

פּלוצלונג האָבען זיך פון דער גאַס געלאָזט הערען הויכע געשרײען, — און די קירכע האָבען זיך אַרײַנגעריסען הויפס־לײַט, און זײערע הענד האָבען געגלאַנצט די נאַקעטע שווערדען און די שילדער פון גלאַטיג שטאָל.

— ווי איז דער קעניג, וועלכער האָט ליעב חלומות? — האָבען זײ געשריגען. — ווי איז דער קעניג, אָנגעטאָן אין די סמאַטע פון אַן אָרימאַן, דאָס יונגעל, וועלכעס איז מבזה דאָס גאַנצע קעניגרײַך? מיר וועלען איהם גלײַך טײַטען, ער איז ניט ווערט צו הערשען.

דער יונגער קעניג האָט מיט געבוקטען קאָפּ ווייטער געבעטען. און ווען ער האָט געענדיגט, האָט ער זיך אויסגעדרײט מיט דעם פּנים צו די הויפס־לײַט און האָט אויף זײ געוואָרפען אַ טרויעריגען בליק.

פּליצלונג זענען דורך די פאַרביגע פענסטער פון דער קירכע אַרײַן וועללען פון זון־שײַן, די שטראַהלען האָבען בעקלײדט דעם יונגלינג מיט אַ מאַנטעל, אונענדליך הערליכער ווי דער, וועלכער איז פאַר איהם געמאַכט געוועבט. דער געוועהנליכער הירטען־שטעקען האָט אויפגעבליהט מיט ליליען, ליכטיגער ווי פּערל. די פערוועלקטע ראָזען־צווײַג האָט זיך בעדעקט מיט רויטע רויזען, גלענצענדער ווי רובינען. די ליליען זענען געווען ווײַסער ווי די קאָסטבאַרסטע פּערל, די שטענגלעך האָבען געשײַנט מיט דעם רײַנסטען זילבער. די ראָזען האָבען געברענט ווי רויטע רובינען, מיט פײַערדיג גאָלד האָבען געפלאַקערט זײערע בלעטער.

דער יונגער קעניג איז געבליעבען שטײן אין דער הערליכער קלײדונג; די טיערן פון דעם דימאַנטענעם אָרון האָבען זיך געעפענט; פון דער קריסטאַלענער, גע־

[illegible]ער שאלטעל האט ארויסגעשײַנט א וואונדערשײנע, [illegible] ליכטיגקײט. אהן בעוועגונג איז ער געשטאנען [illegible] אונבעקאנטער קעניגליכער קלײדונג, און דאס [illegible] הײליגטום איז געווארען פול גאט'ס הערליכקײט, [illegible] הײליגע נענען געווארען לעבעדיג און זײערע געשניצ־[illegible] [illegible]נגר־פערטיעפונגען. און דעם הימלישען קלײד איז [illegible] געשטאנען פאר דעם פאלק; צו דעם געוועלבטען [illegible] זענען אויפגעשטיגען די קלאנגען פון די ארגאנען, [illegible] שמעטערן פון די טראמפײטען, דאס געזאנג פון דעם כאר.

דאס פאלק איז אין שרעק געפאלען אויף די קניע, די הויפס־לײַט האבען אראבגעלאזט די שווערדען און זיך געבוקט; דער בישאף איז געווארען בלאס, און די הענד האבען איהם געציטערט.

— דיך האט געקרײנט א מעלטיגערער פון מיר! — האט ער אויסגעשריגען און איז געפאלען אויף די קניע פאר דעם יונגלינג.

דער יונגער קעניג איז אראבגעגאנגען די טרעפען [illegible] דעם אלטאר און אדורכגעגאנגען פאר דעם טיעף־גע־[illegible] בויגענען פאלק און זײַן פאלאץ.

קײנער האט ניט געהאט דעם מוט איהם אנ־[illegible]קוקען; זײַן פנים האט געשײַנט ווי דאס געזיכט פון [illegible] מלאך.